פאמיליען ביבליאטעק — פערלאג ווארשא

שלום עליכם.

ראבטשיק

א יודישער הונט.

№ 66.

פרייז 5 קאפ.

פערלאג: „פאמיליען-ביבליאטעק".

ווארשע. תרע"א.

ВАРШАВА 1911.
Тип. Ф. Ваумритера, Красинская пл. № 6.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

620

שלום עליכם

ראבטשיק

(א יודישער הונד)

א.

רַאבְּמְשִׁיק אִיז גָעוֶועזֶן אַ הִינְט אַ וַוייסֶער מִיט פְלֶעקֶען, נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶער, אַ מִיטֶעלְמֶעסִיגֶער, אַ שְׁטִילֶער, נִישְׁט קַיין אָנְחַאפֶּער; עֶר הָאט פַיינְט גֶעהַאט, וִוי אַנְדֶערֶע, אָנְפַאלֶען אוֹיף יֶענֶעם פוּן הִינְטֶען, אָפְּרַייסֶען אַ פָּאלֶע אָדֶער אַ בִּיס מְהוּן אִין דֶער לִיטְקֶע. עֶר אִיז גֶעוֶועזֶן צוּפְרִיעדֶען אַבִּי יֶענֶער זָאל אִיהם נִיט מְשַׁעפֶּען. אַדְרַבָּה אִיהם הָאט דֶערְקוּמְשֶׁעט יֶעדֶער וָוער עֶס הָאט גֶעהַאט גָאט אִין הַארְצֶען. גֶעבֶּען רַאבְּמְשִׁיקֶען אַ זָעץ מִיט אַ שְׁטֶעקֶען פוּן אוּנְטֶען, אָדֶער דֶערְלַאנְגֶען אִיהם מִיטְ'ן אַבְּצַאס אִין זַייט אַרַיין, אָדֶער וַוארְפֶען אִיהם אַ שְׁטַיינְדִיל אִין קָאפּ אַרַיין אָדֶער אוֹיסְגִיסֶען אוֹיף אִיהם אַ פָּאמֶענִיצֶע — דָאס אִיז גֶעוֶועזֶן בַּיי יֶעדֶען אַ שְׁפִּילְכִיל, כִּמְעַט אַ מִצְוָה.

אוּנ רַאבְּמְשִׁיק, אַז עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען אַ קְלַאפּ, הָאט עֶר זִיךְ נִיט אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, וִוי אַנְדֶערֶע הִינְט, אוֹיסְטַעֶנָה'ען זִיךְ אוֹיסְהַאוְוקֶען זִיךְ, בֶּעוַוייזֶען דִי צֵייהן; נַיין, רַאבְּמְשִׁיס פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִימְלִיכֶען קְלַאפּ אַיינְבּוֹיגֶען כִּמְעַט בִּיז דֶער עֶרְד מִיט אַ קְוויטְשׁ: אַי — אַי! אוּנ אַנְטְלוֹיפֶען מִיט אַיין אַרָאבְּגֶעלָאזְטֶען וַוייְדִיל, זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין אַ עֶנִיקֶעלִי, פֶערְטִיפֶען זִיךְ אִין גֶעדַאנְקֶען אוּנ חַאפֶּען פְלִיגֶען.

ב.

חֲשַׁד אִיז גֶעוֶועזֶן רַאבְּמְשִׁיק? פוּן וַואנֶען הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען? דָאס אִיז שְׁוֶוער צוּ וִויסֶען. עֶס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז פֶערְבְּלִיבֶּען אִין הוֹיף נָאךְ פוּנִ'ם אַלְטֶען פְּרִיץ. מֶעגְלִיךְ אַז עֶר אִיז פֶערְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארֶען, פֶערְלָארֶען זַיין בַּעַל הַבַּיִת אוּנ צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּם נַייעֶם בַּעַל הַבַּיִת אוּנ פֶערְבְּלִיבֶּען אוֹיף תָּמִיד.

עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל, אִיהר שְׁפַּאצִירְט אוֹיף דֶער גַאס, לוֹיפְט אַייךְ נָאךְ אַ פְּרִיבֶלָאוּדְנֶע הִינְטִיל פִּיס מְרִיט. וָואס אִיז דָאס פַאר אַ

פּריטשעפּע? טראכט איהר זיך אונ הויבט אויף די האנד אויפ'ן הינטיל:
„פּשאל וואן!‟ דאס הינטיל בלייבט שטעהן, ביינט זיך אוים ווי א
מענש בשעת מען וויל איהם געבען א פּאטש, אונ לויפט איך נאך
ווייטער. איהר ביינט זיך אן צו דער ערד, איהר טהוט א מאך מיט דער
האנד, כלומר'שט וואַרפט איהר דעם א שטיינדיל. עס העלפט נישט
איהר בלייבט שטעהן אונ קוקט אויפ'ן הינטיל; דאס הינטיל בלייבט
שטעהן אונ קוקט אויף איך; איהר קוקט זיך איינס דעם אנדערע אין
די אויגען אריין אהן ווערטער. איהר טהוט א שפּיי אונ לאזט זיך געהן
— דאס הינטיל לויפט איך נאך. איהר געהט אראָ פון די כלים,
איהר האפּט א שטעקעל אונ צולאזט זיך אויף דעם מיט כעס, פאלט
דאס הינטיל אויף איין עצה: ציהט זיך אוים אויף דער ערד מיט די
פיסליך ארויף, ציטערט אונ קוקט איך גלייך אין די אויגעי אריין. ווי
איינער רעדט: „נא! ווילסט מיך שלאגען? — שלאג!‟...

אט פון דעם מין הינט איז געווען אונזער ראבטשיק.

ג.

ראבטשיק איז געווען א הונט ניט קיין נאשער. אין שטוב האט
געמעגט ליגען גאלד, האט ער זיך ניט צוגעריהרט. ראבטשיק האט
געוואוסט אז דאס וואס אונטערען טיש געהער צו איהם, אונ ווייטער
איז ניט זיין עסק.

אין דער יוגענד, זאגט מען איז ער אפילו יא געווען א שטיקיל
חברה־מאן. ער האט איין מאל געפּרובט אומגעהרען א פּנים אוועק־
שלעפּען פונ'ם זאלץ־ברעטיל א פיסעל פון א גאנז, האט דערזעהען
בריינע די קעכין, א יודינע מיט שווארצע וואנצים, אונ האט געמאכט
א געשריי: אייזיק! אייזיס! איז געקומען צולויפען אייזיק. סאמע אין
דער מינוט וואס ראבטשיק האט געוואלט דורכלויפען מיט'ן גענזענעם
פיסעל, האט איהם אייזיס צוגעקוועטשט מיט דער טהיר אזוי אז האלב
ראבטשיס איז געבליבען פון איין זייט טהיר, אונ די האלב פון יענער
זייט, אינ מע האט זיך מיט איהם גוט אבגערעכענט: פון איין זייט

האט איהם געשלאָגען אַייזיק איבער׳ן קאָפּ מיט אַ שטעקען, און פון
דער אַנדערער זייט ברייגע מיט אַ שייט האָלץ און האָט ניט אויפגע־
הערט צו שרייען בשעת מעשה: „אייזיק! אייזיק!״

פון דעמאָלט אָן איז איהם פערבליבען אַ זכר: אַז מע איז צו־
געגאַנגען צו איהם און אַ זאָג געטהון גלייך אין פּנים אַריין „אייזיק!״—
פלעגט ער אַנטלויפען וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

ד

מעהר פון אַלע איז איהם דערגאַנגען די יאָהרען פאַראַסקע;
די פאַראַסקע, וואָס האָט אונז געוואַשען גרעט, געשמירט די שטוב
און געמאָלקען די בהמה.

וואָס האָט זי געהאַט צו ראַבטשיקען — איז שווער צו פער־
שטעהן; ער פלעגט איהר תמיד זיין גרוים אין די אויגען, און ווען זי
פלעגט איהם דערזעהען, פלעגט זי ווערען אַנגעצונדען: „שאַב טיבי
חוואָראָבאַ, סאָבאַקאַ נעווירנאַ!״... און ווי אויף צו להכעיס פלעגט
ראַבטשיק ליעב האָבען דווקא פּלאָנטען זיך איהר פאַר די פיס.

ביי דער אַרבייט פלעגט זיך פאַראַסקע אין איהם נוקם זיין ווי
מיר אין המן׳ען: האָט זי געוואַשען גרעט, פלעגט זי איהם אָבגיסען מיט
אַ קאַלט שעפיל וואַסער. ראַבטשיק האָט פיינט געהאַט אַזאַ באָד,
פלעגט ער זיך נאָכדעם דאַרפען לאַנג אָבטרייסלען. האָט זי געשמירט
די שטוב, פלעגט זי איהם פערפליאַסקען דאָס פּנים מיט ווייסע ליים
— זאָל זיך נאָכדעם בעלעקען אַ שעה כסדר. האָט זי געמאָלקען
די בהמה פלעגט זי איהם מכבד זיין מיט אַ שייט האָלץ איבער די פיס.
ראַבטשיק האָט זיך אויסגעלערנט שפּרינגען; אַז ס׳איז געפלויגען אַ
שייט האָלץ פלעגט ער קונציג איבערשפּרינגען איבער דעם ווי אַ מזיק.

איין מאָל האָט ער פון אַזאַ כבוד געהאַפּט אַ מאָוסען פּסק;
פאַראַסקע האָט איהם געוואָרפען אַ שייט האָלץ און געטראָפען אין
דער פעדערשטער פוס, האָט ראַבטשיק זיך צושריגען ניט מיט זיין קול,

גאר מיט א מאדנעם קוויטש; „אי-אי-אי-איאי!" מע איז זיך צונויפגעלאפען פון'ם גאנצען הויף. ראבטשיק האט דערזעהען מענשען, האט ער זיך אנגעהויבען פעסטען, בעוויזען אימליכען דאס איבערגעבראכענע פיסעל, ווי איינער רעדט: „נאט, זעהט וואס זי האט מיר געטהאן פאראסקע!"... ראבטשיק האט געמיינט, אז מע וועט זיך מסתמא אננעמען זיין קריוודע און פאראסקען וועט מען געוויס קעפען פאר אזא מעשה.

צום סוף איז גאר צווישען עולם געווארען א געלעכטער; בריינע מיט די וואנצים איז ארויסגעפלויגען פון קיך מיט א פאלאניק און האט זיך א שמיר געטהון איבער דער נאז פון אונטען ארויף מיטן קאקעטען עלענבויגען: „איבער געבראכען דעם שלים-מזל א פוס? זעהר רעכט!"... אויך די קונדסים, די ווייסע-חברה'ניקעס זענען זיך צונויפגעלאפען און האבען גענומען שרייען אויף ראבטשיקען און פייפען. איז אנגעקומען פאראסקע און האט איהם צורעכט געמאכט דאס מזל: זי האט איהם אבגעגאסען מיט א קריניל זידיג וואסער, האט ראבטשיק אויפגעהויבען א גוואלד מיט א קוויטשעריי: אי אי אי! אי-אי-אי! אי-אי-אי!... בשעת מעשה געשפרונגען און געדרעהט זיך, געביסען זיך אליין דעם וויידיל און ניט אויפגעהערט צו געוואלדעווען מיט אזעלכע קולות אז צווישען די ווייסע-חברה'ניקעס איז דאס געלעכטער געווארען נאך גרעסער, מע האט דערזעהען ראבטשיקען טאנצען אויף דריי פיס, האט מען אויסגעבטלט אלע בייזע חלומות אויף זיין קאפ און געשענקט איהם א פאר גוטע שטעקענס. ראבטשיק האט זיך געלאזט לויפען מיט א קוויטש, געקאוליעט זיך און געקאטשעט איבער דער ערד, און ווייסע-חברה'ניקעס זענען איהם נאכגעלאפען מיט שטעקליך און מיט שטיינדליך, געהוקעט, געפייפט און געטיוקעט און פערטיוקעט איהם ווייט ווייט פון דער שטאדט ארויס אויף יענער זייט מיהלען.

ה.

ראבטשיק איז געלאפען מיט דער דעה, אז צוריק אין שטאדט אריין זאל ער שוין נישט קומען קיין מאל ווייל ער וועט לעבען! און געלאפען איז ער אין דער וועלט אריין, וואו די אויגען וועלען טראגען. געלאפען — געלאפען און געקומען צולויפען אינים ערשטען דארף אריין, האט ער זיך בעגעגענט מיט די דארפישע הינט. די דארפישע הינט האבען איהם ארומגעשמעקט פון אלע זייטען.

— ברוך הבא — א הונט! פון וואנען קומט מען און וואס איז דאס ביי דיר א צאנקע אויפ'ן רוקען? עפיס ווי אויפגעשמאלצט א שטיק פעל סאמע אין מיטען?

— עך! פרעגט שוין נישט! — מאכט צו זיי ראבטשיק מיט א פרויערינער מינע — אסך צו דערצעהלען, נישטא וואס צו הערען. איז נים מעגליך ביי אייך איבערצונעכטיגען א נאכט?

— אך, מיט'ן גרעסטען כבוד! — זאגען די דארפישע הינט — דער אין „דרויסען" איז געענג גרוים און דער „אונטערען הימעל" איז נאך גרעסער.

— ווי אזוי איז דא ביי אייך מיט דער אכילה? — פרעגט ראבטשיק — מיט וואס שטילט איהר דעם הונגער, אז דער מאגען מאנט מזונות?

— עט! נישט צו פערזינדיגען! — מאכען די דארפישע הינט — פאמעניצעס איז פאראן אומעטום, און צום פלייש האט גאט בעשאפען ביינער, א ראנה, לאזען זיי עסען פלייש, די בעלי־הבתים, וועלען מיר האבען ביינער. אבי, ווי זאגט איהר, פערשטופען די קישקע.

— נו און די בעלי־בתים ווי אזוי זענען עפיס ביי אייך? פרעגט ווייטער ראבטשיק און טהוט א דריעה מיט'ן וויידיל, ווי איינער וואס וויל אויספרעגען, אויספארשטען.

— די בעלי־בתים זענען בעלי־בתים — מאכען די דארפישע הינט און פערשלאגען די רייד.

— נו און באראסקע? — מאכט ראבטשיק.

— וָואסֶער פַּאראסְקֶע ? — פְּרֶעגֶען דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט.

— אָט דִי פַּארַאסְקֶע — זָאגְט רַאבְּטְשִׁיק — וָואס וַואשְׁט גְרֶעט, שְׁמִירְט דִי שְׁטוּב אוּנ מֶעלְקְט דִי בְּהֵמָה. אִיהר קֶענְט נִיט פַּארַאסְקֶען?

דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט שְׁטֵעהֶען, קוּקֶען אָן רַאבְּטְשִׁיקֶען וִוי אַ חֲסַר־דֵעהִ׳נִיק: „וָואס פַּאראַסְקֶעט עֶר אוּנְז ?“ זֵיי שְׁמֶעקֶען אִיהם נָאךְ אַ מָאל אַרוּם פוּן אַלֶע זַייטֶען אוּנ צוּגֵעהֶען זִיךְ אֵיינְצִיגְוַוייז אִימְלִיכֶער אוֹיף זַיין מִיסְט.

ו.

„אָט גְלִיקְלִיכֶע הִינְט!“ טְרַאכְט זִיךְ רַאבְּטְשִׁיק אוּנ צִיהט זִיךְ אוֹיס אוֹיף גָאטְס עֶרְד, אוּנְטֶער גָאטְ׳ס הִימֶעל אוּנ וִויל חַאפֶּען אַ דְרִימֶעל; נָאר עֶס שְׁלָאפְט זִיךְ נִיט. עֶרְשְׁטֶענְס דִי אָבְּגֶעבְּרִיהטֶע פֶעל; עֶס שְׁמַארְצְט אִיהם אוּנ עֶס בַּייסְט אִיהם סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת! אוּנ דִי פְלִיגֶען רֶעקוּטְשֶׁען אִיהם זֵעהר שְׁטַארְק, סְ׳אִיז פוּן זֵיי נִישְׁט אָבְּצוּטְרַייבֶּען זִיךְ! צְוַוייטֶענְס בּוּרְטְשֶׁעט אִיהם אִין בּוֹיךְ; עֶר וָואלְט אַ בֵּעלְן גֶעוָועזֶען עֶפִּיס ־קַייֶען, אִיז נִישְׁט דָא וָואס; מֶע מוּז צוּ וַוארְטֶען בִּיז אִין דֶערְפְרִיה, אוּנ דְרִיטֶענְס לָאזֶען אִיהם נִיט שְׁלָאפֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהֶערְט צְווִישֶׁען דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט; נִישְׁטָא בַּיי זֵיי קַיין אַייזִיקְס וָואס קְוֶועטְשֶׁען צוּ מִיט אַ טִיהר אוּנ שְׁלָאגֶען נָאכְדֶעם מִיט אַ שַׁייט הָאלְץ; נִיטָא בַּיי זֵיי קַיין פַּאראַסְקֶעס וָואס גִיסֶען אָבּ מִיט זִידִיג וַואסֶער, נִיטָא בַּיי זֵיי קַיין וַוייסֶע חֶבְרָה׳נִיקֶעס, וָואס וַוארְפֶען שְׁטֶעקֶענְס, פַייפֶען אוּנ טִיוּקֶען אוּנ פֶּערְטִיוּקֶען. גְלִיקְלִיכֶע הִינְט אוֹיף דֶער וֶועלְט! אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז נוּר דָארְט אִיז אַ וֶועלְט. אַ וָוארְט לִיגְט אִין חְרֵיין אוּנ מֵיינְט סְ׳אִיז קַיין זִיסֶערְס נִישְׁטָא.

רַאבְּטְשִׁיק וֶוערְט אַנְשְׁלָאפֶען אוּנ עֶס חָלוֹמְט זִיךְ אִיהם אַ פָּאמֶענִיצֶע, אַ גְרוֹיסֶע, אַ פוּלֶע מִיט שְׁטִיקְלִיךְ בְּרוֹיט, קִישְׁקֶעלִיךְ, אָדֶערֶען פוּן פְלֵייש, רֶעטְשֶׁענֶע קַאשֶׁע אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט הִירְזְשׁ אוּנ מִיט מַאסָאלִים, אוּנ בֵּיינֶער בֵּיינֶער — אַ גַאנְצֶער אוֹצֵר! בֵּיינֶער פוּן קְנֶעכְלִיךְ, בֵּיינֶער פוּן רִיפּ, בֵּיינֶער מִיט מַארְךְ אוּנ בֵּיינְדְלִיךְ פוּן פִישׁ אוּנ

קָעפְּלִיךְ פוּן הָערִינְג גַאנְצָע, נָאךְ נִיט קֵיין אוֹיסְגֶעסְמָאצְקָעטֶע. רַאבְּטְשִׁיק װייסְט נִיט פוּן וָואס זָאל עֶר אָנְהוֹיבֶּען פְרִיהֶער.

— בְּרוּכִים הַיּוֹשְׁבִים! — מַאכֶען צוּ אִיהם דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט אוּנ קוּקֶען פוּן דֶערְוַוייטֶען, וִוי עֶר גְרֵייט זִיךְ צוּ דֶער סְעוּדָה.

— קוּמְט עֶסֶען! — זָאגְט רַאבְּטְשִׁיק גְלַאט אַזוֹי פוּן יוֹצֵא וֶוענֶען.

— עֶס גֶעזוּנְד! זָאגֶען דִי דָארְפִישֶׁע הִינְט גַאנְץ פְרַיינְדְלִיךְ.

פְּלוּצִים דֶערְהֶערְט עֶר אַ קוֹל גְלַייךְ. אִין אוֹיעֶר אַרַיין: „אַייזִיק!“

רַאבְּטְשִׁיק חַאפְּט זִיךְ אוֹיף — ס'אִיז גָאר אַ חָלוֹם!..

אִין דֶער פְרִיה הָאט זִיךְ רַאבְּטְשִׁיק גֶעלָאזְט אִיבֶּער דִי הוֹיפֶען, גֶעזוּכְט אַ פָּאמֶעגִיצֶע, אַ שְׁמִיקִיל סֶעבֶער, אַ בֵּיינְדִיל. נָאר וואוּ עֶר קוּמְט אִיז פֶערְנוּמֶען אַלֶע עֶרְטֶער.

— קָאן מֶען בַּיי אַייךְ נִישְׁט אִיבֶּערְבַּייסֶען? — פְרֶעגְט רַאבְּטְשִׁיק.

— דָא? נַיין! אֶפְשַׁר אִינ'ם אַנְדֶערֶען הוֹיף...

רַאבְּטְשִׁיק לוֹיפְט פוּן אֵיין הוֹיף אִינ'ם אַנְדֶערֶען. אוּמֶעדוּם דָאס אֵיינֶענֶע לִיעדִיל. אִיז עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב וָואס וֶועט עֶר וַוארְטֶען אוֹיף דֶרֶךְ־אֶרֶץ? אַמֶעהר וֶועט עֶר צוּגֵעהן אוּנ וֶועט אַ חַאפּ טְהוּן וָואס עֶס וֶועט זִיךְ לָאזֶען. נָאר בַּיים עֶרְשְׁטֶען „חַאפּ“ הָאט עֶר גֶעחַאפְּט פוּן דִי דָארְפִישֶׁע הִינְד אַמְאוּס'ן פְּסַק: פְרִיהֶער הָאט מֶען אוֹיף אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען קוּקֶען בַּייז, הוּרְשְׁטֶען אוּנ בֶּעוַוייזֶען צֵייהן, אוּנ נָאכְדֶעם זֶענֶען עֶטְלִיכֶע מִיט אַ מָאל אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף אִיהם, גֶערִיסֶען אוּנ גֶעבִּיסֶען, אִיהם גֶעמַאכְט אַ תֵּל פוּנ'ם וַויידִיל, אַרוֹיסְגֶעמְשַׁלֵחַ'ט מִיט כָּבוֹד בִּיז אוֹיף יֶענֶער זַייט רָאגַאטְקֶע.

ז.

אַרָאבְּגֶעלָאזְט דֶעם וַויידִיל הָאט זִיךְ רַאבְּטְשִׁיק אַוֶועקְגֶעלָאזְט אִינ'ם אַנְדֶערֶען דָארְף. גֶעקוּמֶען צוּלוֹיפֶען אִינ'ם אַנְדֶערֶען דָארְף — ווִידֶער דִי אֵיינֶענֶע מַעֲשֶׂה: תְּחִלַּת גוּטֶע רֵייד, אַ שֵׁיינֶער גַאסְט, מְהֵיכָא תֵּיתֵי. אוּנ נָאכְדֶעם אַז עֶס קוּמְט צוּ דֶער פָּאמֶעגִיצֶע, הוֹיבְּט מֶען אָן אוֹיף

איהם קוקען ביז, הורשטען, בעווייזען ציין, רייסען און בייסען — און וואן אויף אלע פיער ציטען!

ראבטשיקען איז גמאס געוואָרען דאס גע וגד זיין, דאס ארומ־וואנדערען פון איין אָרט אינ'ם אנדערען, און ער האט זיך מיישב גע־ווען אזוי: מענשען זענען שלעכט; הינט זענען אויך ניט בעסער; ער וועט זיך בעסער אוועקלאָזען אין וואלד אריין צווישען חיות.

און ראבטשיק האט זיך אוועקגעלאזט אין וואלד אריין.

ארומגעדרעהט זיך איין הונט אליין אין וואלד א טאג און צוויי און דריי, האט ער אנגעהויבען פיהלען, אז דער בויך ווערט איהם וואס ווייטער אלץ מעהר צונויפגעצויגען און די קישקעס איינגעשרימפען, ממש עס גערט איהם אויס דאס חיות פון הונגער און פון דארשט, האמש נעם און ציה זיך אויס אין מיטען וואלד און פגר אוועק! און פי אויף צו להכעיס גליסט זיך איהם נאך לעבען און לעבען.

און ראבטשיק נעמט דעם ווידיל אונטער זיך, ציהט אויס די פעדערשטע לאפעס, שטעלט ארויס דעם צונג און לייגט זיך אוועק אונטער א בוים און קלערט א הינטישע מחשבה: „וואו נעמט מען א שמיקיל ברויט? וואו קריגט מען א פיציל פליישׁ? א ביינדיל האמש? וואסער א קאפ?" און פון גרויסע צרות ווערד ער א הקרן, א פילאזאף! ער הויבט אן חקירה'ן: „פאר וואס איז ער, הונט, מעהר געשטראפט פון אלע חיות ועופות און פון אלע בעשעפענישען אויף דער וועלט? למאי אט פליהט א פייגעלע גלייך אין נעסט אריין?... אט לויפט א יאשטשערקי אהיים אין איהר נארע אריין... אט פויזשעט א ווע־רעמיל, א זשוקעל, א מערעשקע. — אלע האבען זיך זייער היים, אלע געפינען זיך זייער בעדערפעניש; נאר איך, הונט, האוו־האוו־האוו!...

— ווער האוקעט דאס דא אין וואלד? — רופט זיך אן א וואלף לויפענדיג פארביי ארויסגעשטעלט די צונג פאר הונגער.

ראבטשיק האט קיין מאל ניט געזעהען קיין וואלף. ער מיינט אז דאס איז א הונט, שטעהט ער אויף פאוואלי, גישט געהאפט, ציהט זיך אויס, געהט צו צום וואלף.

— וָוער בִּיזְט דוּ? — מַאכְט צוּ אִיהם דָער וָואלְף מִיט גַדְלוּת — חִי אַזוֹי רוּפְט מֶען דִיךְ? פוּן וַואנֶען קוּמְסְט דוּ אָן? אוּנ וָואס מְהוּסְט דוּ דָא?

ראַבְּמְשִׁיק אִיז זִיךְ מַמָשׁ מְחַיֶה וָואס עָר הָאט דֶערְמַאפְּט אַ גוּטֶען בְּרוּדָער; חָאטְשׁ פַארַאן פַאר וֶועמֶען דִי צָרוֹת אוֹיסְצוּזִיסֶען. אוּנ עָר דֶערְצֵעהלְט אִיהם אוֹיס זַיין גַאנְץ בִּיטֶער הַארְץ.

— אִיךְ וָועל דִיר זָאגֶען דֶעם.אֱמֶת, — לָאזְט אוֹיס רַאבְּמְשִׁיק דָאס טְרוֹיעֶרִיגֶע צֶעטִיל זַיינְס — אִיךְ וָואלְט מִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶועֶן וֶוען אִיךְ בֶּעגֶעגֶען מִיךְ דָא מִיט אַ לֵייב, מִיט אַ בֶּער, אָדֶער חָאטְשֶׁע מִיט אַ וָואלְף.

— וָואס-זְשֶׁע וָואלְט גֶעוֶועֶן? — מַאכְט דָער וָואלְף מִיט אַ פַאסְקוּדְנֶע שְׁמֵייכֶעל.

— נָאר גִיט — זָאגְט רַאבְּמְשִׁיק — מְמָה־נַפְשָׁךְ, אִיז מִיר בֶּעשֶׁערְט דָער טוֹיְדט, לָאז אִיךְ בֶּעסֶער פֶּערְצִיקְט וָוערֶען פוּן אַ וָואלְף, אַיידָער פַּגֶר'ן פוּן הוּנְגֶער צְווִישֶׁען אַיינֶגֶע, צְווִישֶׁען הִינְט.

— נוּ! — מַאכְט צוּ אִיהם דָער וָואלְף בְּלָאזְט זִיךְ אָן אוּנ מְהוּט אַ קְנַאק מִיט דִי צֵייהְן — זָאלְסְט דוּ וִויסֶען אַז אִיךְ בִּין וָואלְף! אוּנ אִיךְ הָאבּ חֵשֶׁק דִיךְ צוּרֵייסֶען אוֹיף עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלִיךְ אוּנ מַאכֶען פוּן דִיר אַיין אָנְבַּייסֶען, מַהֲמַת אִיךְ בִּין זֶעהר הוּנְגֶעריג, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַכְט טָאג אִין מַיין מוֹיל נִיט גֶעהַאט!

דֶערְהֶערְט אַזֶעלְכֶע דִבּוּרִים הָאט זִיךְ אוּנְזֶער רַאבְּמְשִׁיק אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקֶען, אַז עֶס הָאט אוֹיף אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען צִיטֶערֶען דִי אָבְּגֶעקְרָאכֶענֶע פֶּעל.

— אֲדוֹנִי קֶענִיג! טֵייעֶרֶער רֶב וֶועלְוִויל! — מַאכְט צוּ אִיהם רַאבְּמְשִׁיק מִיט אַ רַחֲמָנוּת פָּנִים אוּנ מִיט אַ וַויינֶענְדִיג קוֹל — לָאז דִיר גָאט צוּשִׁיקֶען בֶּעסֶערֶע אָנְבַּייסֶענְס. וָואס וֶועסְט דוּ פוּן מִיר הָאבֶּען מִישְׁמַיינְגֶעזָאגְט? פֶעל אוּנ בֵּיינֶער? פָאלְג מִיךְ, לָאז מִיךְ אָבּ, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מַיין הִינְטִישׁ לֶעבֶּען?...

אוּנ דֶערְבַּיי הָאט רַאבְּמְשִׁיק אַרָאבְּגֶעלָאזְט דֶעם וַויידִיל, אוֹיסְ־

געבױגען דעם רוקען, געפױזעט אױפ'ן בױך און געמאַכט אַזעלכע מאוס'ע תּנועות, אַז דעם װאָלף איז ניט גוט געװאָרען אױף צו חלשען.

— געם צענױף דעם פּאַסקודנעם װײדיל דײנעם! — רופט זיך אָן צו איהם דער װאָלף — און אַנטלױף צו אַלדע שװאַרצע יאָהר, די כּלב שבּכּלבים, איך זאָל דײן מרפּה'נעם פּרצוף ניט אָנקוקען.......

נישט מוידט נישט לעבעדיג האָט זיך ראַבּטשיק געלאָזט לױפען, ניט געפיהלט די ערד אונטער זיך, מורא געהאַט זיך אַרומקוקען אפילו, ער האָט געמאַכט פיס, אַװעק—אַװעק פון װאַלד, צוריק—אין שטאָדט אַרײן!

ח.

געקומען צוריק אין שטאָדט אַרײן, האָט ראַבּטשיק אױסגעפעהלט דעם הױף, װאו ער איז אױפגעװאַקסען, חאָטש דאָס האַרץ האָט איהם געצױגען דװקא אַהין אין יענעם הױף װאו מע האָט איהם גע'הרג'עט — געשלאָגען, אין יענעם הױף װאו מע האָט איהם איבערגעבּראָכען אַ פוס און אָבּגעבּריהט דעם רוקען... האָט ער זיך געלאָזט לױפען אין מאַרק אַרײן, אַהין צו די יאַטקעס, צװישען די קצבי'שע הינט, צװישען אַײנגענע הײמט דאָס.

— ס'קאָצעל קומט! פון װאַנען איז אַ הונט? מאַכען צו איהם די קצבי'שע הינט מיט אַ געגעץ און גרײטען זיך שױן אױף נאָכלעגער.

— מאַקי אַ היגער — מאַכט ראַבּטשיק — איהר האָט מיך ניט דערקאַנט? איך בּין דאָך ראַבּטשיק!

— ראַבּטשיק? ראַבּטשיק?... אַ קענטליכער נאָמען! — מאַכען די קצבי'שע הינט און קאָנען זיך בּלוטר'שט ניט דערמאָנען װער דאָס איז.

— װאָס איז דאָס בּײ דיר פאַר אַ צײכען אױפ'ן רוקען? — פרעגט איהם צאוצעק, אַ קלײן הינטיל און שפּרינגט איהם גלײך אין פּנים אַרײן מיט גרױס עזות.

— מסתּמא אַ סימן מע זאָל איהם ניט פערבײטען, אָדער אַזױ

פון שענקיים וועגען, וואס פערשטעהט איהר ניט? — רופט זיך אן מיט א לצנות ראודעק, א רויטער הונט מיט א אויבנאמער פעל.

— סא משל! — ענטפערט איהם סירקא, א גרויהער הונט, איין אלטער בחור מיט איין אייגיל אונ מיט איין אבגעשניטענעם אויער — אויף צייכענס ברענגט מיך. איך וועל אייך זאגען, וואס דאס איז. דאס איז א צייכען פון מלחמות מיט אנדערע הינט, מיט גאנצע מיטש־קעס...

— אלע רעדען! — רופט זיך אן זשוק, א שווארצער הונט אהן א ווידיל — א מעהר לאזט ראבטשיק ריידען, וועט ער אליין דערצעהלען.

אונ ראבטשיק ציהט זיך אויס אויף דער ערד אונ הויבט אן צו דערצעהלען די גאנצע געשיכטע זיינע, לאזט ניט דורך קיין ברעקיל. אלע ליגען אונ הערען זיך צו, נאר ראודעק, דער רויטער וואס האט ליב לצנות, שלאגט איהם איבער אלע מינוט מיט א וועדמיל.

— ראודעק, דו וועסט ניט אנשטימט ווערען? — מאכט זשוק דער שווארצער, וואס אהן דעם ווידיל, אונ ציהט אויס א לאנגען געניץ — דערצעהל, דערצעהל, ראבטשיק! מיר האבען ליעב אז מע דערצעהלט אונז מעשיות נאכ'ן עסען...

אונ ראבטשיק הערט ניט אויף צו דערצעהלען זיין פרויערינע געשיכטע מיט איין אומעטיגע שטימע, נאר קיינער הערט איהם ניט.

צאוציק רעדט שמילערהייד מיט סירקא'ן; ראודעק זאגט וועדמ־ליך. אונ זשוק הראפעט ווי צעהען סאלדאטען, חאפט זיך אויף אלע מאל אונ גענעצט אונ זאגט

— דערצעהל, דערצעהל, ראבטשיק! מיר האבען ליעב אז מע דערצעהלט אונז מעשיות נאכ'ן עסען...

ט.

גאנץ פריה איז שוין ראבטשיק געווען אויף די פיס. ער איז גער שמאנען פון דערווייטען, בעטראכט די קצבים מיט די העקערס, ווי זיי האקען פלייש. אט הייננט א גאנצער פריידיס (פאדער חלק) מיטן

הַאלְז אַרָאבּ אוּנ דָאס בְּלוּט רִינְט... דָארְט לִיגְט אַ זָאדֶעס (אוּנְטֶער חַלָק), אַ מָנָה יָפָה, פֶעט, מִיט שְׁמַאלְץ בֶּעוַואכְּסֶען... רַאבְּמְשִׁיק קוּקְט אוּנ שְׁלִינְגְט דִי שְׁלַיים. דִי הָעקֶערְס הַאקֶען דָאס פְלֵייש אוֹיף שְׁטִיקְלִיך, טְהוּן אַ וָוארְף אַלֶע מָאל אַ שְׁטִיקֶעל הוֹיט, אַ שְׁטִיקֶעל חֵלֶק, אָדֶער אַ בֵּיינְדִיל פַאר דִי הִינְט. אוּנ דִי הִינְט שְׁפְּרִינְגֶען צוּ אוּנ חַאפֶּען אוּנְטֶער. רַאבְּמְשִׁיק בֶּעטְרַאכְט וִוי דִי הִינְט קְלִינְגֶען זִיךְ, שְׁפְּרִינְגֶען אוּנְטֶער אַקֶעגֶען דָאס וָואס מֶען בֶּעדַארְף, לָאזֶען נִישְׁט דוּרְךְ קֵיין בֵּיינְדִיל, אוּנ אִימְלִיכֶער הוּנְט, בְּשַׁעַת עֶר בֶּעקוּמְט זַיין חֵלֶק, טְרִיט עֶר אָבּ אוֹיף אַ זַיִיט, צוּלֵייגְט זִיךְ מִיט גְרוֹיסְקֵייט אוּנ פְּרַאוֶועט דִי סְעוּדָה, קוּקְט זִיךְ אַרוּם אַלֶע וַוייַלֶע אוֹיף דִי אִיבְּרִיגֶע הִינְט, וִוי אֵיינֶער רֶעדְט:

— אִיהר זֶעהט אַ בֵּיין? דָאס אִיז מַיינֶער אַ בֵּיין, אוּנ אִיךְ עֶס אִיהם.

דִי אִיבְּרִיגֶע הִינְט מַאכֶען זִיךְ וִוי זַיי זֶעהֶען נִיט, אוּנ אִינְוֵוייניג בַּיי זִיךְ טְרַאכְטֶען זַיי זִיךְ:

— וַוארְגֶען זָאלְסְט דוּ זִיךְ! אוֹיסְקְרֵיינְקֶען זָאלְסְט דוּ דָאס! אַ גַאנְץ פְרִיהמָארְגֶען פְרֶעסְט עֶר אוּנ פְרֶעסְט, אוּנ מִיר בֶּעדַארְפֶען קוּקֶען וִוי עֶר עֶסְט, עֶסֶען זָאלֶען אִיהם וֶועְרֶעם!...

אוּנ נָאךְ אֵיין הוּנְט טְרָאגְט אַ שְׁטִיק פֶעל אוּנ זוּכְט אֵיין אָרְט אוֹיף צוּ אִיבֶּערְבַּייסֶען אַז קֵיינֶער זָאל אִיהם נִיט זֶעהֶען: עֶר הָאט מוֹרָא פַאר אַ גוּט אוֹיג...

אוּנ נָאךְ אַ הוּנְט שְׁטֵעהט אַ קֶעגֶען אַ בֵּייזֶען קָצָב וָואס שְׁמִיצְט זִיךְ אוּנ שְׁרַייט אוּנ שֶׁעלְט זִיךְ מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע קַצָבִים. דֶער הוּנְט דְרַעהט מִיטְ'ן וַוייִדִיל אוּנ רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דִי אִיבְּרִיגֶע הִינְט מִיט אַ גִיפְּהָ'לֶע:

— אִיהר זֶעהט אָט דֶעם קָצָב? אַיָא זַיי וַוייזֶען אוֹיס דַאכְט זִיךְ נָאר אַ בֵּייזֶער? לָאס אִיךְ הָאבֶּען אַזַא יָאהר וָואס פַאר אַ טְהַייעֶרֶער מֶענְשׁ זַיי זֶענֶען! אֵיין דִימֶענְט אִין דֶער וֶועלְט! אַ גִילְדֶענֶער כַּארַאקְטֶער! זַיי הָאבֶּען בֶּאֱמֶת רַחֲמָנוּת אוֹיף אַ הוּנְט; זַיי זֶענֶען אַ הִינְטֶען־פְרַיינְד... אָט בַּאלְד וֶועט אִיהר זֶעהֶען וִוי עֶס פְלִיהט אַ בֵּיין מִיט אַ שְׁטִיק פְלֵייש — הָאפּ!

אונ עֶר טְהוּט אַ שְׁפְּרוּנְג אִין דֶער לוּפְטֶען אונ אַ קְלַאפּ מִיט דִי צֵייהְן; כְּדֵי יֶענֶע זָאלֶען מֵיינֶען אַז עֶר הָאט דָא גֶעחַאפְּט אַ גְרָאבְּס...

— בֵּיידֶע זַאכֶען: — רוּפְט זִיךְ אָן אַ הוּנְט מִן הַצַּד — אִי אַ חֲנוּפֶה'נִיק אַ שַׁקְרָן, אַ בֶּערִיהְמְטֶער, דֶער רוּחַ זָאל אִיהם נֶעמֶען!...

אונ נָאךְ אַ הוּנְט שְׁטֵעהט בַּיים קְלֶעצִיל וָואס מֶע הַאקְט דֶערוֹיף פְלֵייש אונ בְּשַׁעַת דֶער הֶעקֶער קֶעהְרְט זִיךְ אָב אוֹיף אַ וַויילֶע, שְׁפְּרִינְגְט דֶער הוּנְט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן קְלֶעצִיל אונ לֶעקְט מִיטְ'ן צוּנְג. וֶוערְט אַ הַאוִר־קֶערַיי צְווִישֶׁען עֶטְלִיכֶע הִינְט: זַיי מַסְרְ'ן אִיהם פַארְ'ן הֶעקֶער אונ חַאפֶּען דִי עֶרְד, אַז דֶער הוּנְט דֶער גַּנָב הָאט גֶענַאשְׁט אַ שְׁטִיק פְלֵייש, אַזַא שְׁטִיק גָאלְד זָאלֶען זַיי הָאבֶען! זַיי זָאלֶען אַזוֹי זֶעהֶען פַאר זִיךְ אַלְדֶעס גוּטְס וִוי זַיי הָאבֶען אַליין גֶעזֶעהֶען מִיט זַייעֶרֶע אוֹיגֶען! אוֹיב נִיט זָאלֶען זַיי אַייְנְנֶעמֶען אַ מִיתָה מְשׁוּנָה אוֹיפְ'ן אָרְט, זַיי זָאלֶען זִיךְ דֶערְוַוארְגֶען מִיטְ'ן עֶרְשְׁטֶען בֵּיינְדִיל, זַיי זָאלֶען נִיט פֶערְמָאגֶען דִי הֶערְנֶער מִיט דִי קָאפִּיטֶעס פוּן דִי גֶעקוֹילֶעטֶע שָׁאף!...

— פֶע, הֶלְשׁוֹת! סֶע שְׁלָאגְט צוּ דֶער גַאל! — רוּפְט זִיךְ אָן אַיין אַלְטֶער הוּנְט פוּן דֶער זַייט, וָואס וָואלְט אַליין אַ בֵּיגֶלְן גֶעוֶוען עֶפִּיס אַ לֶעק טְהוּן, אונ רַאבְּטְשִׁיק בַּאטְרַאכְט זִיךְ: וָואס וֶועט זַיין דֶער תַּכְלִית וָואס עֶר וֶועט דָא שְׁטֵעהן אונ קוּקֶען? אַלֶע הִינְט שְׁפְּרִינְגֶען אונ חַאפֶּען וֶועט עֶר אוֹיךְ טְהוּן דָאס וָואס אַלֶע הִינְט טְהוּעֶן... אונ אַיידֶער עֶר קוּקְט זִיךְ אַרוּם הַאלְט מֶען אִיהם שׁוֹין בַּיים גָארְגֶעל אונ מֶע רַייסְט אִיהם, עֶטְלִיכֶע הִינְט מִיט אַ מָאל, אונ מֶע בַּייסְט אִיהם סַאמֶע אִין יֶענֶעם אָרְט וואו עֶס טְהוּט וַועה....

רַאבְּטְשִׁיק לָאזְט אַרָאבּ דֶעם וַויידִיל, פֶערְקְלוֹיבְּט זִיךְ אִין אַ ווִינְקֶעל, צִיהט אוֹיס דִי מָארְדֶע אונ הוֹיבְּט אָן וָואיֶען

— וָואס וַויינְסְט דוּ? — מַאכְט צוּ אִיהם זְשׁוּק אונ בֶּעלֶעקְט זִיךְ נָאכְ'ן אָנְבַּייסֶען.

— ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִיט וַויינֶען? — זָאגְט רַאבְּטְשִׁיק — אִיךְ בִּין דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכְסְטֶער פוּן אַלֶע הִינְט אוֹיף דֶער וֶועלְט! אִיךְ הָאבּ גֶע־מֵיינְט, אַז דָא, צְווִישֶׁען אַייגֶענֶע, וֶועל אִיךְ חָאטְשׁ עֶפִּיס חַאפֶּען. גְלוֹיבּ

מִיר, אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעקְרָאכֶען; נָאר אִיךְ בִּין טוֹיט הוּנְגֶערִיג, עֶס גֶעהְט מִיר אוֹיס דָאס חַיוֹת!

— אִיךְ גְלוֹיבּ דִיר, — מַאכְט צוּ אִיהם זְשׁוּק מִיט אַ זִיפְץ — אִיךְ פֶערְשְׁטֵעה וָואס הֵייסְט הוּנְגֶער. אִיךְ גֵעה אַרֵיין אִין דֵיין טְרוֹיעֶרִיגֶער לַאגֶע. נָאר אִיךְ קָאן דִיר גָאר נִישְׁט הֶעלְפֶען. דָא אִיז שׁוֹין אַזוֹי אַיינְגֶעפִיהְרְט, אַז יֶעדֶער קַצָב הָאט זִיךְ זַיין הוּנְט, אוּנ יֶעדֶער הוּנְט הָאט זִיךְ זַיין קַצָב...

— אִיז מַאקִי רֶעכְט אַזוֹי? — זָאגְט רַאבְּטְשִׁיק — וואוּ אִיז יוֹשֶׁר? וואוּ אִיז הִינְטְלִיכְקֵייט? סְטֵייטְשׁ אַ הוּנְט זָאל צְווִישֶׁען הִינְט פֶערְפַאלֶען וֶוערֶען? אַז אַ הוּנְגֶערִיגֶער צְווִישֶׁען זַאטֶע זָאל אוֹיסְגֵעהֶען פוּן הוּנְגֶער?

— אִיךְ קָאן דִיר הֶעלְפֶען נוּר מִיט אַ זִיפְץ — זָאגְט זְשׁוּק, גֶענֶעצְט גַאנְץ גֶעשְׁמַאק אוּנ חַאפְּט אַ דְרֶעמִיל נָאכְ'ן אָנְבֵּייסֶען.

— אַז ס'אִיז יָא אַזוֹי — מַאכְט רַאבְּטְשִׁיק אוּנ נֶעמְט זִיךְ אָן מִיט דַארְץ — וֶועל אִיךְ גֵעהן גְלַייךְ צוּ דִי קַצָבִים; אֶפְשַׁר וֶועל אִיךְ מִיר אוֹיךְ אוֹיסְהַאווֶקען אַ קַצָב...

— גֶעזוּנְדֶערְהֵייט! — זָאגְט זְשׁוּק — אַבִּי דוּ זָאלְסְט נִיט גֵעהן צוּ מַיין קַצָב, וָוארוּם אַז דוּ וֶועסְט גֵעהן צוּ מַיין קַצָב, וֶועל אִיךְ דִיךְ מַאכֶען אָהן אַ וַויידִיל אַזוֹי וִוי אִיךְ, דוּ זֶעהְסְט, צִי נֵיין?

אוּנ רַאבְּטְשִׁיק אִיז אַוֶועק גְלַייךְ צוּ דִי קַצָבִים, דוּרְכְגֶעלָאזְט אוֹיסְגֶעפֶעהְלְט אַלֶע הִינְט, אוּנ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִי הָעקֶערְס, שְׁפְּרִינְגֶען אִין פָּנִים אַרֵיין אוּנ דְרֵעהֶען מִיטְ'ן וַויידִיל; — נָאר צוּם שְׁלִים־מַזָל שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַיינֶער אַ הָעקֶער, אַ גֶעזוּנְטֶער יוּנְג מִיט בְּרֵייטֶע פְּלֵייצֶעס, הָאט אוֹיף קַאטָאוֶועס אַ פָּנִים אִיהם אַ וָוארְף גֶעטְהוּן אַ הַאק — אַ גְלִיק וָואס רַאבְּטְשִׁיק קָאן שְׁפְּרִינְגֶען; אַ נִיט וָואלְט עֶר צוּהַאקְט גֶעוָוארֶען אוֹיף צְווַייעֶן. —

— דוּ טַאנְצְסְט דָאךְ גָאר נִישְׁט־קָשֶׁהדִיג! — מַאכְט צוּ אִיהם

רַאוּדָעק מִיט אַ לִצָנוּת — אַ סַךְ שֶׁענֶער פוּן אוּנְזֶער צְאוּצְקֶען. צְאוּצָעק! קוּם אַהֶער וֶועסְט דוּ זֶעהֶען וִוי מֶען טַאנְצְט!...

צְאוּצָעק קוּמְט צוּלוֹיפֶען אוּנ שְׁפְּרִינְגְט רַאבְּטְשִׁיקֶען גְלַייךְ אִין פָּנִים אַרַיין. רַאבְּטְשִׁיק קָאן דָאס שׁוֹין מֶעהר נִיט אִיבֶּערְטְרָאגֶען. עָר חַאפְּט אָן צְאוּצֶעקֶען מִיט דִי צֵייהן, לֵייגְט אִיהם אַנִידֶער אוּנ בַּייסְט אִיהם אִין בַּייכִיל אַרַיין. עָר לָאזְט אוֹיס צוּ אִיהם זַיין גַאנְץ בִּיטֶער הַארְץ אוּנ חַאפְּט דִי פִּיס אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס אוּנ מַאכְט אַ וַיִבְרַח. עָר פַארְקְלַייבְּט זִיךְ אַיינֶער אַלַיין אִין פֶעלְד, צִיהט זִיךְ אוֹיס אִין מִיטֶען טְרַאקְט, בֶּעהַאלְט פַאר דָאסַאדֶע אוּנ פַאר בִּזָיוֹן דִי מָארְדֶע צְוִוישֶׁען דִי לַאפֶּעס אוּנ וִויל נִישְׁט אָנְקוּקֶען דִי לִיבְּטִינֶע שַׁיין, עֶס אַרְט אִיהם אַפִּילוּ נִיט, וָואס דִי פְלִיגֶען הָאבֶּען אִיהם בֶּעפַאלֶען אוּנ בַּייסֶען אִיהם; לָאזֶען זַיי בַּייסֶען, לָאזֶען זַיי רַייסֶען, סַאי וְסַאי אִין דֶער עֶרְד מִיט'ן קָאפּ!...

— עֶק וֶועלְט! — טְרַאכְט זִיךְ רַאבְּטְשִׁיק — אַ הוּנְט זָאל נִישְׁט קָאנֶען זְוִוישֶׁען הִינְט, צְווִישֶׁען אַיינֶענֶע, אִיבֶּערְלֶעבֶּען אַ טָאג אַפִּילוּ, — מֶען זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְקֶעהְרֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט! . . . .

• •

אויסגאַבען פון „פאמיליען־ביבליאטעק" וואַרשא.

1)	פעסעלע דעם רבינ'ס	שלום עליכם	5
3)	דער קוש	ל. שפּירא	5
4)	אלמנה נומר 1	שלום עליכם	5
5)	אלמנה נומר 2	שלום עליכם	5
6)	אלמנה נומר 3	שלום עליכם	5
7)	פערשפעטיגט	אברהם רייזען	5
9)	גוטע ברידער קאָמעדיע	אברהם רייזען	5
10)	מאָמענטען	שלום אש	15
11)	אַ וויגרישנער בילעט	שלום עליכם	15
12)	שמואליק	שלום עליכם	5
13)	[illegible] דער רוענבלמאַן	שלום עליכם	10
14)	די יונגע ליעבע	ד. פינסקי	5
15)	שבר נצין	שלום עליכם	5
16)	דער שפּיאָן	מ. מייזעס	5
17)	די יורשים	שלום עליכם	5
18)	מיטין עטאַפּ	שלום עליכם	15
19)	די ערשטע קאָמונע	שלום עליכם	10
20)	דער בלינדער	גיואי דע מאָפּאַסאַן	5
21)	חוה, מכיה דעם מילכיגער'ס	ש. ע.	5
22)	די ערשטע יודישע רעפּובליק	ש. ע.	10
23)	13 פּיראַטינגטע שטאַמטען	ש. ע.	10
24)	13 גנבאַנגענע	שלום עליכם	10
25)	עולם הבא	שלום עליכם	10
26)	דער קרבן	יעקב גאָרדין	5
27)	הינדערט איינס	שלום עליכם	5
28)	די ציגיינערין	אברהם רייזען	5
29)	ערב־פּסח'דיגע עמיגראציע	ש. ע.	5
30)	שמעון	גיואי דע מאָפּאַסאַן	5
31)	דער יונגסטער פון די מלכים	ש. ע.	5
32)	די באַראָנעסע	וו. דאָראָשעוויטש	5
33)	אין יענער צייט	מענדעלע מו"ס	10
34	טביה'לע	יעקב דינעזאָהן	5
35)	ערעמקייט איז קיין שאנד		5
36)	אויף יענע זייט כמבטיון	ש. ע.	10
37)	שלאָפען ווילט זיך	א. טשעכאָוו	5
38)	ל"ג בעומר	שלום עליכם	5
39	מתושלח א יודיש פערדיל	ש. ע.	5
40)	דער זייגער	שלום עליכם	5
41)	מילכיגס	שלום עליכם	5
42)	אַ מעשה אָהן אַן עק	שלום עליכם	25
43)	ווען איך בין ראָטשילד	שלום עליכם	5
44)	אַ פּוילישער גלח	אברהם רייזען	5
45)	גזלנים	שלום עליכם	6
46)	אַ גרייסער געווינס	שלום עליכם	8
47)	כאַפּיץ	ב. גאָרין	5
48)	צוויי טויטע	שלום עליכם	8
49)	דאָס פּאָר־פאָלק	שלום עליכם	8
50)	קאָנקורענטען	יונה ראָזענפעלד	5
51)	מענשען	שלום עליכם	15
52)	שמשון שלמה	יעקב דינעזאָהן	5
53)	בלינצעס	שלום עליכם	7
54)	נביה דער מילכיגער פאָהרט אין ארץ־ישראל	שלום עליכם	7
55)	בעשיינט די חתונה	ס. ספּעקטאָר	5
56)	גאָלד־שפּינערס	שלום עליכם	5
57)	די שטאָדט כתרילעווקע	שלום עליכם	5
58)	פיר זענען מיר געזעסען	ש. ע.	15
59)	די דערטרונקענע	ס. מעטערלינק	5
60)	פריהער און שפּעטער	ג. ווענדראָף	5
61)	די גרויסע בהלה	שלום עליכם	15
62)	דער דיספּוט	ל. מאַלסטאָי	5
63)	ביים קעניג אחשורוש	שלום עליכם	5
64)	מיין ערשטער ראָמאַן	שלום עליכם	10
65)	דער גאַנבען־הענדלער	א. פראַנס	10
66)	ראַבטעיק א יודישער הונד	ש. ע.	5
67)	בערדיטשעווער טראַמוואַי	ש. ע.	5
68)	בערדיטשעווער האָטעלען און רעסטאָראַנען	שלום עליכם	8
69)	בערדיטשעווער טעאַטער	ש. ע.	5
70)	בערדיטשעווער שרפות	ש. ע.	5
71)	די פרעה־ליכע קאָמפּאַניע	ש. ע.	15
72)	די געפאַלענע פרוי	א. גאַרשין	10
73)	די נקמה	א. רייזען	5
74)	די ווייסע כפּרה	שלום עליכם	10
75)	דער טוידטער אתרוג	שלום עליכם	10
76)	אַ בוידעם אַ מעשה פון טביה מיט'ל גער	שלום עליכם	7
77)	היינטיגע קינדער	שלום עליכם	8
78)	הנופה־געריד	שלום עליכם	7
79)	אַלעמען גלייך	שלום עליכם	10
80)	אַ פערשטערטער פּסח	שלום עליכם	7
81)		שלום אש	5
82)	אונטערען באַנק	ס. ספּעקטאָר	5
83)	צוויי שלח־מנות'ן	שלום עליכם	5
84)	גלות־דאַטשע	שלום עליכם	5
85)	אין די וואַרעם־בעדער	ש. ע.	15
86)	מילכיגס	שלום עליכם	5
87)	אויסגעטרייסעלט	שלום עליכם	5
88)	אַ כלה אויף מבינות	א. רייזען	5
89)	הרוסה	שלום עליכם	5
90)	אַ פריהער פּסח	שלום עליכם	5
91)	זעליגע מעלאַניקע	שלום עליכם	10

(92 [illegible] שלום עליכם 10
(93 [illegible] שלום עליכם 8
(94 [illegible] שלום עליכם 10
(96 [illegible] שלום עליכם 8
(97 [illegible] שלום עליכם 5
(98 [illegible]
(100 [illegible] שלום עליכם 7
(101 [illegible] שלום עליכם 7